# גליון היכל הקודש

ווערכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................7:56
מוצאי שב"ק.....................9:28

**שיעורים כסדרן**
נ"ך........................ מלכים ב ה-ו
בבלי.................... בבא מציעא פז
ירושלמי..................... פסחים ז
תוספתא..................... שבועות ב
רמב"ם...................... מעשר ט


פרשת בהר, י"ז אייר, אבות פרק ג' שנת תשפ"ד לפ"ק

שנה 13, גליון 33 (651)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וְכִי יָמוּךְ אָחִיךָ וּמָטָה יָדוֹ עִמָּךְ וְהֶחֱזַקְתָּ בּוֹ, גֵּר וְתוֹשָׁב וָחַי עִמָּךְ. דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה זָאגְט אוּנְז "וָחַי עִמָּךְ", מֶען זָאל הֶעלְפְן דֶעם אָרֶעמַאן, אוּן עֶר זָאל לֶעבְן מִיט דִיר.

רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט (לִיקּוּטֵי הֲלָכוֹת, קִידּוּשִׁין, הֲלָכָה ג' אוֹת ד'), מֶען זֶעט אַז עֶס זֶענֶען דָא עֲשִׁירִים וָואס ווילְן נִישְׁט גֶעבְן קַיין צְדָקָה, וֶוען מֶען קוּמְט זֵיי בֶּעטְן צְדָקָה זָאגְן זֵיי: "עֶס אִיז יֶעצְט שְׁוֶוערֶע צַייטְן, אִיךְ מוּטְשֶׁע מִיךְ זֵייעֶר פַאר מִיר אוֹיךְ, אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט גֶעבְן קַיין צְדָקָה". אָבֶער דֶער אֱמֶת אִיז אַז דֶער עוֹשֶׁר לֶעבְּט זִיךְ גַאנְץ בְּרֵייט, נָאר לוֹיט דִי גְרוֹיסֶע סְטַאנְדַארְטְן וִוי אַזוֹי עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט זַיין לֶעבְּן, לוֹיט דֶעם מוּטְשֶׁעט עֶר זִיךְ. קוּמְט אוֹיס אַז פַאר זִיךְ פַארְגִינְט עֶר זִיךְ אַ בְּרֵייטֶע לֶעבְּן, אוּן פַאר דֶעם אָרִימַאן פַארְגִינְט עֶר נִישְׁט נָאר אַז עֶר זָאל נִישְׁט אוֹיסְגֵיין פַאר הוּנְגֶער.

וִוי מֶער גֶעלְט אַ מֶענְטְשׁ הָאט, אַלְץ מֶער וִויל עֶר הָאבְּן מֶער, עֶר וֶוערְט מֶער אוּן מֶער אַיינְגֶעטוּנְקֶען אִין תַּאֲוַת מָמוֹן. וִוי אַזוֹי אַרְבֶּעט עֶס? וַוייל וֶוען עֶר הָאט אַבִּיסְל גֶעלְט, פְּרוּבִּירְט עֶר זִיךְ אַהֶערְצוּשְׁטֶעלְן מִיט אַ שֶׁענֶערֶע הוֹיז, טֵייעֶרֶערֶע קְלֵיידֶער, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, לוֹיט וִוי עֶר פַארְשְׁטֵייט אַז עֶס פַּאסְט לוֹיט זַיין פַארְמֶעגְן, אָבֶער עֶר הָאט דָאךְ נִישְׁט גֶענוּג אַלֶעס אַיינְצוּקוֹיפְן, פַארְשְׁטֵייט עֶר אַז עֶר דַארְף הָאבְּן אַבִּיסְל מֶער גֶעלְט, אוּן דַאן וֶועט אַלֶעס זַיין מְסוּדָּר אוֹיפְ'ן בֶּעסְטְן פַארְנֶעם. אָבֶער וִוי נָאר עֶר בַּאקוּמְט נָאךְ גֶעלְט, דַארְף עֶר דָאךְ שׁוֹין הָאבְּן נָאךְ טֵייעֶרֶערֶע זַאכְן, לוֹיט וִוי עֶר קוּקְט זִיךְ אָן אִינֶעם יֶעצְטִיגְן שְׁטַאנְד, מִמֵּילָא אִיז עֶר וַוייטֶער נִישְׁט צוּפְרִידְן מִיט וִויפִיל גֶעלְט עֶר הָאט, עֶר וִויל הָאבְּן נָאךְ מֶער, עֶר וִויל הָאבְּן טָאפְּלְט, אוּן עֶר רֶעדְט זִיךְ אַיין אַז דֶעמָאלְט וֶועט עֶר שׁוֹין זַיין פְרֵיילִיךְ, אָבֶער אַזוֹי גֵייט עֶס וַוייטֶער אוּן וַוייטֶער אוּן דִי צוּפְרִידְנְקֵייט פוּן גֶעלְט קוּמְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אָן.

דָאס אִיז פַאר זִיךְ אַלֵיין, פַארְשְׁטֵייט עֶר אַז עֶר דַארְף הָאבְּן מֶער אוּן מֶער, וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶער צוּ צְדָקָה, מֶען בֶּעט אִים אַרוֹיסְצוּהֶעלְפְן אַן אָרֶעמַאן, דַאן פַארְשְׁטֵייט עֶר נִישְׁט פַארְוָואס דֶער אָרֶעמַאן דַארְף הָאבְּן אַזוֹיפִיל גֶעלְט, עֶר הַאלְט אַז פַארְ'ן אָרֶעמַאן קוּמְט זִיךְ נִישְׁט מֶער וִוי אַ שְׁטִיקְל בְּרוֹיט, נִישְׁט צוּ שְׁטַארְבְּן פוּן הוּנְגֶער, אוּן גָארְנִישְׁט מֶער.

אֲפִילוּ וֶוען דֶער עוֹשֶׁר זָאגְט עֶס נִישְׁט אַרוֹיס, וֶוען עֶר זֶעט אָבֶער וִוי דֶער אָרִימַאן עֶרְלוֹיבְּט זִיךְ צוּ קוֹיפְן עֶפֶּעס מֶער וִוי בְּלוֹיז צוּם לֶעבְּן, עֶסְט עֶס אִים אוֹיף דָאס הַארְץ, "פַאר דֶעם הָאבּ אִיךְ אִים גֶעדַארְפְט גֶעבְּן צְדָקָה?! אַז עֶר זָאל זִיךְ קוֹיפְן דָאס אוּן דָאס?", כְּאִילוּ פַאר דֶעם עוֹשֶׁר קוּמְט זִיךְ אַלֶעס גוּטְס אוּן פַאר דֶער אָרִימַאן קוּמְט זִיךְ נָאר מַמָּשׁ אַז עֶר זָאל נִישְׁט שְׁטַארְבְּן פוּן הוּנְגֶער.

וֶוען דֶער עוֹשֶׁר זָאל וֶוען הָאבְּן שֵׂכֶל, וָואלְט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז וִויל עֶר טַאקֶע הָאבְּן מֶער גֶעלְט, קֶען עֶר עֶס נָאר בַּאקוּמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, עֶר מוּז צוּקוּמֶען צוּ דִי רַחֲמִים וַחֲסָדִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס קֶען מֶען נָאר בַּאקוּמֶען דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען גֶעבְּט צְדָקָה. דַוְקָא דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר וֶועט אַוֶועקְגֶעבְּן פוּן זַיין גֶעלְט פַארְ'ן אָרֶעמַאן, אוּן טַאקֶע מִיט אַ שֶׁפַע אוּן גוּט הַארְץ, וֶועט עֶר נָאר פַארְדִינֶען פוּן דֶעם מֶער פִיל מֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים אוֹיךְ צוּרִיק צָאלְן מִיט אַ בְּרֵייט הַארְץ, וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (תַּעֲנִית ט:) אוֹיפְ'ן פָּסוּק "עַשֵּׂר תְּעַשֵּׂר", עשר בִּשְׁבִיל שֶׁתִּתְעַשֵּׁר, אַז דוּ וֶועסְט גֶעבְּן צְדָקָה, וֶועסְטוּ וֶוערְן רַייךְ, אוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה זָאגְט צוּ פַאר דִי וָואס גֶעבְּן צְדָקָה (דְּבָרִים ט"ו, י') "כִּי בִּגְלַל הַדָּבָר הַזֶּה יְבָרֶכְךָ ה' אֱלֹקֶיךָ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר בֶּענְטְשְׁן מִיט אַלֶע גוּטֶע בְּרָכוֹת.

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק, וְחַי אָחִיךָ עִמָּךְ, דַיין בְּרוּדֶער זָאל לֶעבְּן "מִיט דִיר", אַזוֹי וִוי פַאר דִיר פַארְגִינְסְטוּ דִיךְ אַבִּיסְל בְּרֵייטֶער, פַארְגִין עֶס אוֹיךְ פַאר דַיין בְּרוּדֶער דֶער אָרִימַאן, אוּן זֶע אַז עֶר זָאל אוֹיךְ זַיין פְרֵיילִיךְ, עֶר זָאל הָאבְּן וָואס עֶר דַארְף מִיט אַ בְּרֵייטְקֵייט, אוּן דֶעמָאלְט וֶועט דִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּרִיק צָאלְן, אַז עֶס וֶועט אַרַיינְקוּמֶען דִי בְּרָכָה בַּיי דִיר, אוּן עֶס וֶועט דִיר קֵיינְמָאל גָארְנִישְׁט פֶעלְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה בְּהַר ד')

## מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### לַ"ג בָּעוֹמֶר

דֶער טָאג לַ"ג בָּעוֹמֶר אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער טָאג, עֶס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן דִי "יוֹמָא דְהִילוּלָא" פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי, דֶער טָאג אִיז רֶבִּי שִׁמְעוֹן'ס פֶּערְזֶענְלִיכֶע שִׂמְחָה. עֶר טֵיילְט דֶעמָאלְט אוֹיס טֵייעֶרֶע מַתָּנוֹת פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, אַזוֹי וִוי רַייכֶע מְחוּתָּנִים פִירְן זִיךְ צוּ טֵיילְן בַּיי אַ שִׂמְחָה טֵייעֶרֶע מַתָּנוֹת, אוּן אַזוֹי טֵיילְט רֶבִּי שִׁמְעוֹן אוֹיךְ. דִי גְמָרָא זָאגְט (בְּרָכוֹת ט.) "כְּדַאי הוּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן לִסְמֹךְ עָלָיו בִּשְׁעַת הַדְּחַק". צַדִּיקִים הָאבְּן דָאס גֶעטַייטְשְׁט אַז וֶוען אַ אִיד גֶעפִינְט זִיךְ אִין אַ שְׁעַת הַדְּחַק, עֶס אִיז אִים עֶנְג, עֶר אִיז אִין אַ צָרָה, קֶען עֶר גֶעהָאלְפְן וֶוערְן אִין דִי זְכוּת פוּן דֶעם גְרוֹיסְן תַּנָּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי.

<<<<<<

## א גוט ווארט

נֶעם זִיךְ אוּנְטֶער לִכְבוֹד לַ"ג בָּעֹמֶר צוּ טוּן דָאס זֶעלְבֶּע וָואס רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי הָאט זִיךְ אוּנְטֶער גֶענוּמֶען צוּ טוּן, חֲזַ"ל דֶערְצֵיילְן (שַׁבָּת לג.) אַז וֶוען רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי הָאט גֶעהֶערְט פוּן אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אַז דִי גְּזֵרָה אִיז שׁוֹין בָּטֵל גֶעוָוארְן, אוּן עֶר דַארְף זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט בַּאהַאלְטְן פוּן דִי רוֹמִיִּים, אִיז עֶר אַרוֹיס גֶעקוּמֶען פוּן דִי מְעָרָה וואו עֶר אִיז גֶעזִיצְן אוּן גֶעלֶערְנְט דְרַייצְן יָאר, אוּן עֶר גֶעזָאגְט: "הוֹאִיל וְאִיתְרַחִישׁ נִיסָא - אֵיזִיל אַתְקִין מִילְתָא", וִויבַּאלְד דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעמַאכְט אַ נֵס, וִויל אִיךְ עֶפֶּעס טוּן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

דָאס נֶעם אִיךְ אַרוֹיס פוּן אַזַא הֵיילִיגֶע טָאג; אַז רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי אִיז עֶנְדְלִיךְ אַהֵיים גֶעקוּמֶען נָאךְ דְרַייצְן יָאר זִיצְן בַּאהַאלְטְן אִין אַ קְלֵיינֶע הֵייל, אוּן עֶר הָאט גֶעגֶעסְן נָאר בָּאקְסֶער, אוּן גֶעטְרִינְקֶען נָאר וַואסֶער, אִיז עֶר נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן וְכוּ' וְכוּ' זִיךְ אוֹיסְצוּרוּעֶן – נֵיין, נָאר עֶר אִיז גְלַייךְ גֶעגַאנְגֶען זֶען וָואס מֶען קֶען הֶעלְפְן מֶענְטְשְׁן.

דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶער זַאךְ וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען נָאר טוּן בְּזֶה הָעוֹלָם - מְזַכֶּה זַיין נָאךְ אַ אִיד צוּ לֶערְנֶען; זֶען אַז נָאךְ אַ אִיד זָאל וִויסְן אַז עֶס אִיז נִישְׁט עֶק וֶועלְט; נָאךְ אַ מַאן אוּן וַוייבּ זָאלְן וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְן בְּזֶה הָעוֹלָם. שְׁטַארְק זִיךְ אוּן קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן גֵיי אַבִּיסְל הֲפָצָה.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פָּרָשַׁת בְּהַר-בְּחֻקּוֹתַי, שְׁנַת תשע"ז)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# וָואס הָאבּ אִיךְ מִיט רַבִּי שִׁמְעוֹן?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ה' י"ח אִיָּיר, לַ"ג בָּעֹמֶר

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

הַיינְט אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער טָאג; אֲפִילוּ דִי וָואס זֶענֶען נִישְׁט זוֹכֶה צוּ זַיין בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִין מִירוֹן קֶענֶען הַיינְט פּוֹעֶלְ'ן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת. מֶען קֶען זִיךְ מְקַשֵּׁר זַיין מִיט אַ צַדִּיק וואוּ מֶען גֶעפוּנְט זִיךְ נָאר, וַוייל דִי קְדֻשָּׁה פוּנֶעם צַדִּיק אִיז אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. מֶען קֶען פּוֹעֶלְ'ן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת אִינֶעם הַיינְטִיגְן טָאג; מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען דַארְף, אַז בִּזְכוּת דֶעם הֵיילִיגְן תַּנָּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי זָאל מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע הַשְׁפָּעוֹת טוֹבוֹת.

בִּפְרַט אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען דִי סְפָרִים פוּן אַ צַדִּיק אִיז אַזוֹי וִוי מֶען אִיז זִיךְ מִשְׁתַּטֵּחַ אוֹיפְן צִיּוּן פוּנֶעם צַדִּיק; דֶער הֵיילִיגֶער מְאוֹר עֵינַיִם זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט (יִשְׂמַח לֵב, מַסֶּכֶת שַׁבָּת) אַז אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט אַ סֵפֶר פוּן אַ צַדִּיק אִיז כְּאִילוּ מֶען אִיז יֶעצְט בַּיים צַדִּיק אוּן עֶר הֶערְט אוֹיס וָואס מֶען בֶּעט; דֶערִיבֶּער אִיז הַיינְט אַ פַּאסִיגֶע צַייט צוּ מַאכְן אַן הַתְחָלָה אָנְצוּהֵייבְּן לֶערְנֶען דֶעם סֵפֶר זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ אוּן דֶעם סֵפֶר תִּיקוּנֵי זוֹהַר, אוּן בִּשְׁעַת מֶען זָאגְט דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּנֶעם זוֹהַר בֶּעט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס דְרוּקְט אוֹיפְן הַארְץ, אַזוֹי וֶועט מֶען זִיכֶער פּוֹעֶלְ'ן יְשׁוּעוֹת.

אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן אֲרִיזַ"ל בֶּעטְן אַ תִּיקוּן אוֹיף זַיינֶע עֲבֵירוֹת; דֶער אִיד אִיז שׁוֹין נֶעבֶּעךְ גֶעוֶוען אַיינְגֶעזִינְקֶען אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו, עֶר הָאט עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף כְּרִיתוּת וּמִיתוֹת בֵּית דִין רַחֲמָנָא לִצְלָן, הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל גֶעגֶעבְּן אַ תִּיקוּן עֶר זָאל יֶעדְן טָאג זָאגְן פִינְף דַפִּים תִּיקוּנֵי זוֹהַר, דֶער אִיד הָאט דָאס מְקַיֵּם גֶעוֶוען אוּן אִיז גֶעוָוארְן אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה אוּן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק; וַוייל דִי וֶוערְטֶער פוּן זוֹהַר אִיז אַזוֹי הֵיילִיג אַז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס זָאגְט נָאר דִי וֶוערְטֶער וֶוערְט אִינְגַאנְצְן טָהוֹר.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט (שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ, חֵלֶק טו): "תֵּדְעוּ נֶאֱמָנָה, שֶׁמִּי שֶׁזּוֹכֶה לֵישֵׁב בְּקֶרֶן זָוִית וְלוֹמֵד סִפְרֵי הַזּוֹהַר הַקָּדוֹשׁ וְסֵפֶר הַתִּקּוּנִים, הוּא נִמְצָא מַמָּשׁ אֵצֶל רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי בְּמִירוֹן, וּכְאִלּוּ הוּא מִשְׁתַּטֵּחַ עַכְשָׁו עַל צִיּוּנוֹ הַקָּדוֹשׁ, וְיָכוֹל לְהַרְגִּישׁ בְּתוֹךְ לִמּוּדוֹ אֶת כָּל הַטְּעָמִים הַנִּפְלָאִים הַנַּ"ל, וְאֵיךְ שֶׁנִּשְׁמָתוֹ מִתְדַּבֶּקֶת בְּנִשְׁמַת רַבִּי שִׁמְעוֹן מַמָּשׁ"; וֶוער עֶס לֶערְנְט זוֹהַר אָדֶער תִּיקוּנֵי זוֹהַר אִיז אַזוֹי וִוי עֶר אִיז יֶעצְט אִין מִירוֹן, אוּן עֶר אִיז זִיךְ מִשְׁתַּטֵּחַ אוֹיפְן צִיּוּן פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן, אוּן זַיין נְשָׁמָה קְלֶעבְּט זִיךְ צוּ צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן, אוּן מֶען קֶען שְׁפִּירְן בִּשְׁעַת'ן לֶערְנֶען זוֹהַר אַלֶע טְעָמִים וְכוּ'; דָאס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע לָשׁוֹן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ אוּן דָאס אִיז אוּנְז מְחַיֵּיב זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן, נָאר זֶען וִוי אַזוֹי מִיר קֶענֶען טַאקֶע הָאבְּן אַ שַׁיָּיכוּת מִיט רֶבִּי שִׁמְעוֹן.

עֶס אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט אַרַיינְקוּקְן אִין שִׂיחוֹת

>>>>>>

אֲפִילוּ וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט זוֹכֶה צוּ פָארְן אוֹיף מִירוֹן צוּ זַיין בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִין דֶעם טָאג פוּן לַ"ג בָּעוֹמֶר, קֶען זִיךְ אָבֶּער בַּאהֶעפְטְן צוּם צַדִּיק פוּן וואוּ עֶר אִיז. דָאס וֶוערְט גֶערֶעכְנְט מַמָּשׁ אַזוֹי וִוי מֶען אִיז דָארְט, וַוייל וואוּ דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט דָארְט אִיז דֶער גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ. דֶערְפַאר אִיז דֶער טָאג לַ"ג בָּעוֹמֶר זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער טָאג, מֶען קֶען דֶעמָאלְט פּוֹעֶלְ'ן אַלֶעס גוּטְס, מֶען זֶעצְט זִיךְ אַוֶועק אוּן מֶען בֶּעט זִיךְ אוֹיס בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען וִויל, אִין זְכוּת פוּנֶעם בַּעַל הִילוּלָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי.

סְפֶּעצִיעֶל וֶוען מֶען עֶפְנְט אוֹיף אַ סֵפֶר הַזֹּהַר, מֶען זִיצְט אוֹיפְ'ן סֵפֶר, אוּן מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוערְט דָאס גֶערֶעכְנְט אַזוֹי וִוי מֶען אִיז בַּיים צִיּוּן. אַזוֹי וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר "מְאוֹר עֵינַיִם" (יִשְׂמַח לֵב, מַסֶּכֶת שַׁבָּת) אַז דֶער צַדִּיק אִיז בַּאהַאלְטְן אִין זַיין סֵפֶר. אוּן אַזוֹי זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קצ"ב) אַז דֶער פְּנִים, שֵׂכֶל אוּן נְשָׁמָה פוּנֶעם צַדִּיק לִיגְט אִין זַיין סֵפֶר, אוּן דֶערְפַאר וֶוען מֶען זִיצְט בַּיים סֵפֶר פוּנֶעם צַדִּיק וֶוערְט עֶס גֶערֶעכְנְט אַזוֹי וִוי מֶען אִיז בַּיי זַיין צִיּוּן.

אַוַדַאי וֶוער עֶס אִיז יָא זוֹכֶה צוּ פָארְן אוֹיף מִירוֹן צוּ זַיין מַמָּשׁ בַּיים צִיּוּן אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם. אֲפִילוּ אַ גַאנְץ יָאר אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ גֵיין צוּ קֶבֶר פוּן אַ צַדִּיק, אוּן זִיכֶער וֶוען עֶס אִיז אִין דִי יוֹמָא דְהִילוּלָא פוּן דֶעם צַדִּיק. אוּן נָאכְדֶערְצוּ בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִין מִירוֹן לַ"ג בָּעוֹמֶר, קֶען מֶען זִיכֶער פּוֹעֶלְ'ן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת אוּן אַלֶעס גוּטְס.

### אַ רוּאִיג פְּלַאץ אִין אַ וִוינְקֶל

דִי וָואס פָארְן יָא קַיין מִירוֹן אוּם לַ"ג בָּעוֹמֶר דַארְפְן וִויסְן אַז רֶבִּי שִׁמְעוֹן גֶעפִינְט זִיךְ נִישְׁט נָאר אִין דִי מְעָרָה, נָאר עֶר אִיז אוֹיךְ אִין גַאנְצֶע גֶעגְנְט אַרוּם, אִין דִי גַאנְצֶע בַּארְג פוּן מִירוֹן. דִי גַאנְצֶע בַּארְג הָאט דִי קְדוּשָּׁה פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן, מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין זִיךְ אַרֵיינְצוּשְׁטוּפְּן אִין דִי מְעָרָה. מֶען טְרֶעפְט זִיךְ אַ רוּאִיג פְּלַאץ אִין אַ וִוינְקֶל, אוּן פוּן דָארְט אִיז מֶען זִיךְ מְקַשֵּׁר צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן, אוּן מֶען בֶּעט זִיךְ אוֹיס בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף. דֶער זְכוּת פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן מִיט אַלֶע גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים וָואס לִיגְן דָארְט בַּאהַאלְטְן אִיז זִיכֶער מֵגִין אַז מֶען זָאל שְׁנֶעל גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט וָואס מֶען דַארְף.

אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ זֶעט מֶען בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִין מִירוֹן, עֶס קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם אַלֶע נִשְׁמוֹת-יִשְׂרָאֵל פוּן קְלֵיין בִּיז גְרוֹיס. רַבָּנִים אוּן אַדְמוֹרִ"ם, חֲסִידִים אוּן מִתְנַגְדִים, אַשְׁכְּנַזִים אוּן סְפַרְדִים, אַלֶע קוּמֶען צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן אוּן גֶעפִינֶען זִיךְ דָאס פְּלַאץ דָארְט, וַוייל דִי גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים הָאבְּן אַ שְׁפְּרַאךְ צוּ יֶעדְן אִיד אָן אוֹיסְנַאם. אִין סֵפֶר בֵּית אַהֲרֹן פוּן דֶעם צַדִּיק רֶבִּי אַהֲרֹן קַארְלִינֶער זי"ע שְׁטֵייט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע לָשׁוֹן: "אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, אַזוֹי אִיז רֶבִּי שִׁמְעוֹן אוֹיךְ פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן אֲפִילוּ פַאר נִידְרִיגֶע מֶענְטְשְׁן". זֶעט מֶען אַז יֶעדֶער אִיד קֶען הָאבְּן חִיּוּת פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי, אוּן דֶערְפַאר פָארְן אַזוֹיפִיל אִידְן צוּ זַיין צִיּוּן, אוּן פּוֹעֶלְ'ן אוֹיס אַלֶעס גוּטְס.

### שִׁיסְן מִיט אַ פַּייל אוּן בּוֹיגְן

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים סִימָן ס"ג) אַז צוּ שִׁיסְן מִיט אַ פַּייל אוּן בּוֹיגְן אוּם לַ"ג בָּעוֹמֶר, אִיז אַ סְגוּלָה פַאר קִינְדֶער. דָאס מֵיינְט סֵיי אַ סְגוּלָה צוּ הָאבְּן קִינְדֶער, אוּן סֵיי אַ סְגוּלָה צוּ הָאבְּן נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער, אוּן זֵיי אוֹיפְצִיעֶן גְרִינְגֶערְהֵייט. אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פִּירְן זִיךְ צוּ מְקַיֵּים זַיין וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט, אוּן שִׁיסְן מִיט אַ פַּייל אוּן בּוֹיגְן אוּם לַ"ג בָּעוֹמֶר.

מֶען קֶען דָאס פַארְשְׁטֵיין לוֹיט דִי מַעֲשֶׂה וָואס דֶער מֶדְרָשׁ דֶערְצֵיילְט אַז עֶס אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען אַ פָּאר-פָאלְק צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי אַז זֵיי ווִילְן זִיךְ גֶט'ן וַוייל עֶס אִיז שׁוֹין דוּרְךְ אַ לַאנְגֶע צַייט פוּן זֵייעֶר חֲתוּנָה אוּן זֵיי הָאבְּן נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן קִינְדֶער. הָאט זֵיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן גֶעזָאגְט אַז זֵיי קֶענֶען זִיךְ גֶט'ן אָבֶּער אַזוֹי וִוי בַּיי זֵייעֶר חֲתוּנָה הָאבְּן זֵיי גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה, זָאלְן זֵיי יֶעצְט אוֹיךְ מַאכְן אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה בַּיים זִיךְ גֶט'ן. זֵיי הָאבְּן אַזוֹי גֶעטוּן, זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה בַּיי זֵיי אִינְדֶערְהֵיים, דֶער מַאן הָאט זִיךְ אָנְגֶעטְרִינְקְן מִיט וַויין בַּיי דִי סְעוּדָה, אוּן נָאךְ דִי סְעוּדָה הָאט עֶר גֶעזָאגְט צוּ זַיין וַוייבּ שִׁיכּוֹר'עֶרְהֵייט: "וֶוען דוּ גֵייסְט יֶעצְט אַהֵיים צוּ דַיין טַאטֶע'ס הוֹיז קֶענְסְטוּ דִיר אוֹיסְקְלוֹיבְּן סֵיי וֶועלְכֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס דוּ דַארְפְסְט פוּן דָא אוּן עֶס מִיטְנֶעמֶען מִיט דִיר", אוּן אַזוֹי אִיז עֶר אַיינְגֶעשְׁלָאפְן שִׁיכּוֹר'עֶרְהֵייט. וֶוען דֶער מַאן אִיז שׁוֹין טִיף גֶעשְׁלָאפְן, הָאט דִי פְרוֹי גֶעזָאגְט פַאר אִירֶע קְנֶעכְט אַז זֵיי זָאלְן אוֹיפְהֵייבְּן דֶעם מַאן מִיט זַיין בֶּעט אוּן אִים אַרִיבֶּערְטְרָאגְן צוּ אִיר טַאטֶע'ס הוֹיז. זֵיי הָאבְּן אַזוֹי גֶעטוּן, זֵיי הָאבְּן אִים אַרִיבֶּער גֶעטְרָאגְן צוּ אִיר טַאטֶע'ס הוֹיז מִיט זַיין בֶּעט. וֶוען דֶער מַאן הָאט זִיךְ דֶערְוֶועקְט אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען וואוּ עֶר גֶעפִינְט זִיךְ, הָאט עֶר אִיר גֶעפְרֶעגְט: "וואוּ גֶעפִין אִיךְ זִיךְ דָא?" הָאט זִי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דוּ הָאסְט מִיר גֶעזָאגְט אַז אִיךְ קֶען נֶעמֶען סֵיי וֶועלְכֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס אִיךְ וִויל פוּן דַיין הוֹיז, אוּן עֶס אַהֵיים טְרָאגְן צוּ מַיין טַאטֶע'ס הוֹיז, אוּן דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ דִיר גֶענוּמֶען, דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ וָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן"...

זֶענֶען זֵיי צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן, זֵיי הָאבְּן אִים דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה, אוּן גֶעפְרֶעגְט וָואס זֵיי זָאלְן טוּן וַוייטֶער. וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ אַזוֹי, אַז אִיר הָאט זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק לִיבּ, זָאלְט אִיר טַאקֶע בְּלַייבְּן אִינְאֵיינֶעם, אוּן אִיךְ וואוּנְטְשׁ אַייךְ אָן אַז אִיר זָאלְט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט קִינְדֶער". אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען אַז זֵיי זֶענֶען גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן מִיט לִיכְטִיגֶע גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער. זֶעט מֶען וִוי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט גֶעהָאלְפְן אִידְן צוּ הָאבְּן קִינְדֶער. אוּן דֶערְפַאר אִיז דֶער טָאג לַ"ג בָּעוֹמֶר, וָואס דֶעמָאלְט אִיז זַיין יוֹמָא דְהִילוּלָא, מְסוּגָּל פַאר קִינְדֶער. (שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ עֶרֶךְ לַ"ג בָּעוֹמֶר)

>>>>>>

מוֹהֲרָא"ש (חֵלֶק ט"ו) - מוֹרָא'דִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן מוֹהֲרָא"ש, אִיךְ וֶועל דִיר אַרָאפּ בְּרֶענְגֶען אַפָּאר לְשׁוֹנוֹת: "וְאָמַר מוֹהֲרָא"ש: שֶׁיָּכוֹל לִהְיוֹת, שֶׁאֶחָד כְּבָר יוֹשֵׁב בְּמִירוֹן בְּפוֹעֵל מַמָּשׁ בְּצִיּוּן רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי, אֲבָל אֵין לוֹ שׁוּם שַׁיָּיכוּת כְּלָל לְרַבִּי שִׁמְעוֹן". מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעזָאגְט: עֶס קֶען זַיין אַז אֵיינֶער זָאל זִיצְן אִין מִירוֹן, אוּן נִישְׁט הָאבְּן קֵיין שׁוּם שַׁיָּיכוּת מִיט רֶבִּי שִׁמְעוֹן. "כִּי סְתָם מְבַלֶּה שָׁם אֶת זְמַנּוֹ בִּשְׁטוּיוֹת וּבַהֲבָלִים, וְרוֹאֶה וּמִסְתַּכֵּל בְּכָל פַּעַם אֵילוּ תַּיָּרִים הִגִּיעוּ עַכְשָׁו, וְאֵיךְ יְכוֹלִים לְהוֹצִיא מֵהֶם כֶּסֶף וְכוּ'", וַוייל עֶר אִיז פַּארְנוּמֶען צוּ קוּקְן אוֹיפְן עוֹלָם גֹּלֶם - וֶוער עֶס קוּמְט אוּן וֶוער עֶס גֵייט, אוּן פוּן וֶועם מֶען קֶען מַאכְן אַ פָּאר דָאלֶער וְכוּ'. "וְאֵלּוּ מִזְמוֹרֵי הַתְּהִלִּים שֶׁהוּא חוֹטֵף בֵּין "עֲסָקָיו הָרַבִּים", הָיָה יָכוֹל לוֹמַר גַּם בְּבֵיתוֹ", אוּן דִי פָּאר מִזְמוֹרֵי תְּהִילִים וָואס עֶר זָאגְט דָארְט, וָואלְט עֶר גֶעקֶענְט זָאגְן אִין שְׁטוּבּ, אוּן עֶר וָואלְט זִיךְ נִישְׁט גֶעדַארְפְט מוּטְשֶׁען צוּ קוּמֶען צוּ פָּארְן בִּיז מִירוֹן. "וְגַם לֹא הוּצְרַךְ מֵחֲמַת זֶה לְצַעֵר אֶת אִשְׁתּוֹ וּבְנֵי בֵּיתוֹ בְּחִנָּם, וְלִבְרֹחַ מֵהֶם, וְלֵישֵׁב בְּמִירוֹן כָּל כָּךְ הַרְבֵּה זְמַן, בְּשָׁעָה שֶׁבֶּאֱמֶת אֵינוֹ עוֹסֵק שָׁם בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם כְּלָל", אוּן עֶר וָואלְט נִישְׁט גֶעדַארְפְט מְצַעֵר זַיין זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער אוּן זֵיי אִיבֶּערְלָאזְן אַלֵיין, ווִיבַּאלְד עֶר אִיז נִישְׁט עוֹסֵק דָארְט אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

אַמָאל אִיז גֶעקוּמֶען אַ אִיד צוּ מוֹהֲרָא"ש אוֹיף שַׁבָּת, דֶער אִיד הָאט כְּלוֹמְרִ'יש גֶעהֵייסְן אַ שֵׁיינֶער אִיד, אוּן עֶר אִיז אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי מוֹהֲרָא"ש. בְּמֶשֶׁךְ דֶעם שַׁבָּת הָאט מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעזֶען ווִי דֶער אִיד דְרֵייט זִיךְ אוּן פְרֵיידְט זִיךְ אוּן עֶר טוּט נִישְׁט גָארְנִישְׁט; מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט זִיךְ פִירְן צוּ עֶנְדִיגְן דֶעם זוֹהַר פוּן דִי וָואךְ פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס נָאךְ דִי סְעוּדָה, הָאט מוֹהֲרָא"ש גֶעזָאגְט: בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ גַאנְצֶע נַאכְט אִין מִירוֹן בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן, אוּן נֶעבֶּעךְ יֶענֶער וָואס הֵייסְט כְּלוֹמְרִ'יש אַ שֵׁיינֶער אִיד הָאט נֶעבֶּעךְ גֶע'בַּטְלְ'ט אַ גַאנְצֶע נַאכְט.

זֶעט מֶען אַז מֶען קֶען זַיין דָא אוּן מֶען אִיז אִין מִירוֹן, אוּן מֶען קֶען זַיין דָארְט אוּן מֶען הָאט גָארְנִישְׁט מִיט רֶבִּי שִׁמְעוֹן. דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זֶען אוֹיסְצוּנִיצְן דִי צַייט מִיט תּוֹרָה וּתְפִלָּה; הֵייבּ אָן אַ שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַזּוֹהַר, וָואס מֶען קֶען דָאס טוּן אוֹיף צְוֵויי וֶועגְן - אָדֶער גֵיי כְּסִדְרָן, הֵייבּ אָן פוּן דִי הַקְדָּמָה אוּן נָאכְדֶעם בְּרֵאשִׁית, נֹחַ, לֶךְ לְךָ, אַבִּיסֶעלֶע אַבִּיסֶעלֶע, אוּן בְּמֶשֶׁךְ אַפָּאר יָאר וֶועסְטוּ עֶנְדִיגְן דֶעם גַאנְצְן זוֹהַר, אָדֶער לֶערְן יֶעדֶע וָואךְ אַ שְׁטִיקֶל פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה אוּן צֵייכְן דִיר עֶס אָן, אוּן דֶעם קוּמֶענְדִיגְן יָאר וֶועסְטוּ מַמְשִׁיךְ זַיין, אַזוֹי אַז בִּיז אַפָּאר יָאר הָאסְטוּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ שְׁפַּאצִירְן אִין דֶעם גַאנְצֶע זוֹהַר. אַזוֹי אוֹיךְ מַאךְ דִיר אַ שִׁיעוּר אִין תִּיקוּנֵי זוֹהַר, וָואס צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז תִּיקוּנֵי זוֹהַר אִיז אַ וַואשׁ מַאֲשִׁין פַאר דִי נְשָׁמָה.

בְּרוּדֶער טַייעֶרֶער, וֶוען וֶועסְטוּ זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן פוּן דַיין טִיפְן שְׁלָאף?! דוּ שְׁלָאפְסְט אַ טִיפֶע שְׁלָאף! דִי בַּת מֶלֶךְ הַאלְט דִיר אִין אֵיין אוֹיפְוֶועקְן אָבֶער מֶען קֶען דִיר נִישְׁט דֶערְוֶועקְן, זִי קְלָאגְט אוּן וֵויינְט; דִי זָאגְט: "**עֶס אִיז אַ גְרוֹיס רַחֲמָנוּת אוֹיף דִיר אוּן אוֹיף מִיר, בַּאֲשֶׁר אַזַא לַאנְגֶע צַייט וָואס דוּ ווִילְסְט מִיר אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן דָא, אוּן פוּן אֵיין טָאג וֶועגְן הָאסְטוּ אַלֶעס פַארְלוֹירְן**", דוּ הָאסְט אַרַיין גֶעבִּיסְן אִינֶעם עֶפְּל אוּן דוּ לִיגְסְט אִינְגַאנְצְן חַלָּשׁוֹת; לֵיכָּא מִידֵי דְלָא רְמִיזָא, דֶער רֶבִּי כַאפְּט אָן אַ "עֶפְּל" (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה א, מֵאֲבֵדַת בַּת מֶלֶךְ) דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי הַיינְטִיגֶע שְׁלֶעכְטֶע כֵּלִים פוּן דִי קָאמְפָּאנִי "עֶפְּל", וָואס וֶוער עֶס בַּייסְט אַרַיין אִין דֶעם פַאלְט אַרָאפּ חַלָּשׁוֹת; אַז מֶען הִיט זִיךְ נִישְׁט דִי אוֹיגְן, מֶען הִיט זִיךְ נִישְׁט דִי מַחֲשָׁבָה פַאלְט מֶען אַרָאפּ אוּן מֶען שְׁלָאפְט, מֶען פַארְלִירְט דֶעם הַארְץ צוּ דַאוֶוענֶען אוּן צוּ לֶערְנֶען, מֶען פַארְלִירְט אַלֶעס, אָבֶער דֶער צַדִּיק הָאט דָאךְ רַחֲמָנוּת אוֹיף אוּנְז אוּן עֶר וֶועקְט אוּנְז, דֶער רֶבִּי וֶועקְט אוּנְז אוֹיף, עֶר לָאזְט נִישְׁט שְׁלָאפְן, עֶר בֶּעט זִיךְ: "שְׁטֵיי אוֹיף! לִיג נִישְׁט אִין דַיין מָרָה שְׁחוֹרָה! נֶעם אַ חוּמָשׁ, נֶעם אַ מִשְׁנַיוֹת, נֶעם אַ גְּמָרָא, הֵייבּ אָן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וֶועסְטוּ גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס".

אִיךְ בֶּעט דִיר טַייעֶרֶער חָבֵר, הַיינְט אִיז אַ טָאג וָואס מֶען קֶען פּוֹעֶלְ'ן גְרוֹיסֶע זַאכְן, מֶען קֶען זִיךְ מְטַהֵר זַיין, מֶען קֶען וֶוערְן רֵיין; אָבֶער וֶוען מֶען גֵייט אִין מִקְוֶה זִיךְ מְטַהֵר זַיין דַארְף מֶען אָפְּלָאזְן דֶעם שֶׁרֶץ, וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית טז.): "אָדָם שֶׁתּוֹפֵס שֶׁרֶץ בְּיָדוֹ, אֲפִלּוּ טוֹבֵל בְּכָל מֵימוֹת שֶׁבָּעוֹלָם לֹא עָלְתָה לוֹ טְבִילָה, זְרָקוֹ מִיָּדוֹ כֵּיוָן שֶׁטָּבַל בְּאַרְבָּעִים סְאָה מִיָּד עָלְתָה לוֹ טְבִילָה", אַ מֶענְטְשׁ וָואס הַאלְט אָן אַ

<<<<<<

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

## זָאל מֶען פָארְן קֵיין מִירוֹן וֶוען מֶען הָאט חוֹבוֹת?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ אוּן מַיין וַוייבּ ווִילְן בֵּיידֶע פָארְן קֵיין מִירוֹן אוֹיף לַ"ג בָּעֹמֶר, דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז נָאר אַז דָאס קָאסְט אַסַאךְ גֶעלְט, סֵיי דִי טִיקֶעט אוּן סֵיי דִי אִיבְּרִיגֶע זַאכְן אַרוּם אוּן אַרוּם, אוּן מִיר הָאבְּן יֶעצְט אַסַאךְ חוֹבוֹת.

מִיר פְּרוּבִּירְן טַאקֶע צוּבִּיסְלֶעךְ אָפְּצוּצָאלְן אַלֶע חוֹבוֹת, אָבֶער דִי נְסִיעָה קֵיין מִירוֹן קֶען מַאכְן דִי חוֹבוֹת נָאךְ גְרֶעסֶער. מִיר וֶועלְן זִיךְ פְרֵייעֶן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט אוּנְז שְׁרַייבְּן וָואס מִיר זָאלְן טוּן.

**אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ.**

***תְּשׁוּבָה:***

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ד' פַּרְשַׁת אח"ק, י' אִיָּיר, כ"ה לָעֹמֶר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט אַרוֹיס גֵיין פוּן אַייעֶרֶע חוֹבוֹת; פוּן פָארְן צוּ קִבְרֵי צַדִּיקִים דֶערְלֵייגְט מֶען נִישְׁט. אַדְּרַבָּה, אַז אִיר וֶועט פָארְן קֵיין מִירוֹן צוּם הֵיילִיגְן תַּנָּא רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי אוּן דָארְט מִתְפַּלֵּל זַיין אַז אִיר זָאלְט אַרוֹיס גֵיין פוּן אַייעֶרֶע חוֹבוֹת, וֶועט אִיר נָאר גֶעהָאלְפְן וֶוערְן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ט.): "כְּדַאי הוּא רַבִּי שִׁמְעוֹן לִסְמֹךְ עָלָיו בִּשְׁעַת הַדְּחַק", זָאגְן אוֹיף דֶעם דִי צַדִּיקִים, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אִין אַ שְׁעַת הַדְּחַק, עֶר אִיז צֶעדְרוּקְט, "וֶועט דִי זְכוּת פוּנֶעם הֵיילִיגְן תַּנָּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן מֵגִין זַיין אוֹיף אִים עֶר זָאל אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן זַיין דֹּחַק", אַזוֹי וִוי רֶבִּי שִׁמְעוֹן זָאגְט (סֻכָּה מה:): "יָכוֹל אֲנִי לִפְטֹר אֶת כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ מִן הַדִּין וְכוּ'", אִיךְ קֶען פַּטֶרְ'ן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט פוּן דִין; מִמֵּילָא זָאלְט אִיר פָארְן צוּם הֵיילִיגְן תַּנָּא רַבִּי שִׁמְעוֹן, אוּן אַז אִיר וֶועט אוֹיסְנִיצְן דִי צַייט דָארְט וֶועט אִיר אַרוֹיס גֵיין פוּן אַייעֶרֶע חוֹבוֹת אוּן אִיר וֶועט הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּרֶוַח.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז אַלֶע הֶעלְפְן בִּזְכוּת הַתַּנָּא הָאֱלֹקִי רֶבִּי שִׁמְעוֹן אַז מִיר זָאלְן אַלֶע גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט אַלֶעס וָואס מִיר דַארְפְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת אח"ק, שְׁנַת תשע"ח)

BreslevCenter.com\answers

>>>>>>

טוֹיטֶע שֶׁרֶץ הֶעלְפְט נִישְׁט קֵיין מִקְוֶה, אֲפִילוּ אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ טוֹבְלְ'ט זִיךְ וֶועְרְט עֶר רֵיין, אָבֶער אוֹיבּ עֶר הַאלְט אָן דֶעם טוֹיטְן שֶׁרֶץ וֶועְרְט עֶר נִישְׁט רֵיין; בֶּעט אִיךְ דִיר: "וַוארְף אַוֶועק דֶעם שֶׁרֶץ, דֶעם שְׁמוּצִיגְן כְּלִי וָואס דוּ קוּקְסְט אוֹיף דֶעם שְׁמוּץ אוּן נִיאוּף, דָאס אִיז דֶער טוֹיטֶע 'מַייד'; וַוייל וִוי לַאנְג דוּ וִוילְסְט נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם טוֹיטְן מַייז קֶענְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט רֵיינִיגְן".

הַיינְט מַאךְ דַיין גוּטֶע הַחְלָטָה; בִּזְכוּת הַתַּנָּא אֱלוֹקִי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי, וַוארְף אַוֶועק דַיין כְּלִי וָואס דוּ קוּקְסְט דֶערוֹיף שְׁמוּץ. לָאז אָפּ דַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים וָואס מַאכְן לֵיצָנוּת פוּן צַדִּיקִים אוּן פוּן דִי תּוֹרָה, לָאז אָפּ אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע קֶשָׁרִים; הַיינְט אִיז אַ פַייעֶר'דִיגֶע טָאג, אַ הֵיילִיגֶע טָאג, הַיינְט קֶען מֶען פּוֹעֶלְ'ן גְרוֹיסֶע זַאכְן. דֶער עִיקָר וָואס מִיר דַארְפְן פּוֹעֶלְ'ן מִיר זָאל שׁוֹין פָּטוּר וֶוערְן פוּן דֶעם יֵצֶר הָרַע וָואס לָאזְט אוּנְז נִישְׁט אָפּ, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין עֶרְלִיךְ, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל אָפְּלָאזְן אַלֶע מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. גֶעבּ מִיר כֹּחַ אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוּן אָפְּלָאזְן אַלֶע מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע גֶעווֹאוֹינְהַייטְן.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הַיינְט אִיז לַ"ג בָּעֹמֶר, אַ הֵיילִיגֶער טָאג; אִיךְ ווִיל הָאבְּן אַ שַׁיָיכוּת מִיט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי, אִיךְ ווִיל אוֹיךְ זַיין אַ צַדִּיק, אָבֶער עֶס אִיז מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שׁוֹין אֵיינְמָאל פַאר אַלֶעמָאל אָפְּלָאזְן מַיינֶע אַלְטֶע מַעֲשִׂים; יֶעדֶע מָאל אִיךְ מַאךְ אָפּ אַז אִיךְ גֵיי זַיין גוּט, זֶע אִיךְ מִיר נָאכְדֶעם צוּרִיק אִין מַיינֶע אַלְטֶע שְׁמוּץ, מַמָּשׁ כְּכֶלֶב שָׁב אֶל קִיאוֹ, וִוי אַ הוּנְט וָואס גֵייט צוּרִיק צוּ זַיין בְּרֶעכַאכְץ. אִיךְ וֵוייס אַז דִי אַלֶע זַאכְן וָואס אִיךְ טוּ אִיז נִישְׁט גוּט, אָבֶער אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ בִּין פַארְקְנֶעכְטֶעט צוּ דֶעם, וִוי הֵייבּ אִיךְ אָן? וָואס טוּ אִיךְ דָא?!

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען אַבִּיסְל חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת, גְּמָרָא אוּן הֲלָכָה; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זָאגְן אַבִּיסְל תְּהִילִים יֶעדְן טָאג. בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל זַיין גוּט, אָבֶער אִיךְ פַאל כְּסֵדֶר צוּרִיק. הֶעלְף אַז בִּזְכוּת הַתַּנָּא אֱלוֹקִי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי אוּן בִּזְכוּת אַלֶע צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דִיר, זָאלְן מִיר שׁוֹין אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן פוּנֶעם גָּלוּת אוּן אִיךְ זָאל אַרוֹיס גֵיין פוּן מַיין אֵייגֶענֶע גָּלוּת, אָמֵן."

אַזוֹי זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן רֵיין אוּן הֵיילִיג.

(מִכְתָּב יוֹמִי לַ"ג בָּעֹמֶר, שְׁנַת תשע"ו - ע"ז)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## בית המדרש היכל הקודש בארא פארק ציט זיך אריבער צו א נייע גרעסערע פלאץ

מיט גרויס פרייד נעמען אויף תושבי בארא פארק די נייעס איבער די נייע לאקאציע פונעם בית המדרש אין שטאט. דער בית המדרש דינט אלץ א לייכט טורעם פאר גאנץ בארא פארק והגלילות ווען אידן אין שטאט ווייסן אז עס איז דא א בית המדרש ווי מען וועט הערן חיזוק און באקומען פרישע כוחות צו גיין ווייטער.

נאכדעם וואס דער ליעס אויפן פריערדיגן לאקאל איז אויסגעלאפן, און מען האט זיך דערזען אז דאס פלאץ איז שוין לאנג אויסגעוואקסן האבן די גבאים באשלאסן אז מען דארף זוכן א גרעסערע פלאץ, און חפץ ה' בידם הצליח, דער אויבערשטער האט געהאלפן אז עס איז אונטער געקומען א פרישע פלאץ מיט גאר אסאך מעלות, א סאך בעסערע געגענט, אין צענטער פון בארא פארק, א גרעסערע היכל בית המדרש, און מען האט א מקוה אויפן פלאץ, און מען איז אריין אין קאנטראקט אויפן נייעם בית המדרש היכל הקודש בארא פארק וואס וועט פון יעצט זיין אויפן נייעם אדרעס 1415 55 סטע סטריט.

פארגאנגעם מוצאי שבת קודש תיכף נאכן זמן איז מען ארויס פונעם אלטן בית המדרש, מען האט אריינגעלייגט אלע חפצים, בענק טישן ספרים און אזוי ווייטער אין א טראק און מען האט זיך גענומען אויפפיקסן דעם נייעם פלאץ עס זאל זיין ראוי פארן בית ה'.

אלע אנשי שלומינו בכלל און פון בארא פארק בפרט האבן צוגעלייגט א פלייצע, יעדער מיט וואס ער קען, און די וואך האט מען זיך גענומען מיט א שנעלקייט איבערבויען, יעדער האט זיך איבערגעבן מיטן גאנצן הארץ דער מיט געלט און בעיקר מיט מיט רצון, אנשי שלומינו זענען ווארעם און העלפן ארויס, מיט הארץ און נשמה. בפרט דארף ארויסגעברענגט ווערן די געטרייע גבאים וואס שטייען איבערגעגעבן פאר אנשי שלומינו, הר"ר מנשה איצקאוויטש שליט"א, און הר"ר אהרן קליטניק שליט"א וואס יומם ולילה לא ישבותו. אזוי אויך דארף מען ארויסברענגען הכרת הטוב פאר פילע גוטע פריינט און מתפללים וואס האבן גאר אסאך ארויסגעהאלפן, ר' בנימין פאלמאן, וואס האט אלעס אנגעפירט מרישא ועד גמירא, און געטון די קאנטראקטינג ארבעט. ר' לוי יצחק זאפיר וואס האט מנדב געווען די פלאר, און איז געשטאנען בראש פון די ארבעט פון באשטעלט די פילע זאכן פארן בית המדרש. ר' שמעון גאנצפריעד, וואס האט מיט די אייגענע הענט איבערגעמאכט די גאנצע עלעקטריק, ארויסגעריסן די אלטע, און געלייגט נייע שיינע לייטס. ר' דוד דייטש, וואס שטייט אלץ צו די רעכטע האנט בייטאג און ביינאכט. ר' אברמי פרידריך, וואס האט געמאכט די מאלדינגס און די טירן. ר' שמואלי ווייס, וואס מנדב געווען די דעמאלישן, דאס ארויסרייסן די אלטע ווענט און עס אוועקטראגן. און אחרון חביב ר' שמואליק בלעדי, וואס איז אלץ גרייט צו העלפן מיט געטריישאפט.

עס איז נאך דא פילע זאכן וואס מען קען נאך האבן די געלעגענהייט צו מנדב זיין, און דערמיט האבן א חלק אינעם נייעם בית ה'. רופט שוין אן דעם גבאי הר"ר מנשה איצקאוויטש שליט"א אויף **347-760-5924** און רופט אייך אן ווארעם.


## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **יואל וובערמאן** הי"ו קרית ברסלב
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב
***
מו"ה **יצחק פישמאן** הי"ו צפת
צום שידוך שליסן פון זיין זון הבה"ח **אברהם** למזל טוב
***
מו"ה **יואל אברהם ראטענבערג** הי"ו קרית יואל
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

## ל"ג בעומר

**שיעורים און דרשות, מעשיות פון קינדער, און נאך, איבער דעם גרויסן טאג ל"ג בעומר.**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 1, 9, 7**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

**און מיר וועלן אי"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >